# טעמו וראו

**הערליכע לערנבארע שמועסן**

**פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א**

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

**גליון מ"א - פרשת אמור - ל"ג בעומר תש"פ**


## ימים טובים - אהבה געגרעניצט מיט גבולות

אין די פרשה - פרשת אמור טרעפן מיר דריי און זעכציג מצוות, אסאך הלכות כהנים. נענטער צום סוף פרשה איז דא די ימים טובים. צדיקים האבן אזא שבת איינגעקאכט די ימים טובים.

### יו"ט - סיי א מצות עשה און סיי א לא תעשה - פארוואס

מיר וועלן אנרירן איין קליין נקודה. מיר טרעפן א אינטרעסאנטע זאך, יעדער יום טוב איז געבויעט פון א עשה פון שביתה און א לאו פון לא תעשה כל מלאכה. וואס איז דער רעיון יעדער יום טוב האט סיי א עשה מיט א לא תעשה. ווען ס'וואלט געווען א עשה פון שביתה וואלט איך נישט געוואוסט אז מ'טאר נישט מאכן קיין מלאכה? וועגן וואס דארף זיין אויך דער לא תעשה?

איינע פון די געדאנקען וואס מ'קען טראכטן זייער א געשמאקע געדאנק. די וועלט, די גוי'שע וועלט, פארשטייט נישט דעם איד, שבת, ס'איז א טאג פון רוהען. איז פאר ארום, טוה, מאך זיך אלעס באקוועם. דאס מיינט שבת, אזוי פארשטייט ער. א יום טוב? א יום טוב איז דער טייטש הוליען א.ד.ג. דער גוי'שע וועלט פארשטייט בכלל נישט דעם איד.

די תורה לערנט אונז פאראויס א מורא'דיגער יסוד. ס'ידוע, מצות עשה איז אהבה, ווייל צו וועמען טוהסטו א זאך? אויב דו האסט אים ליב טוהסטו וואס ער האט געהייסן. ווען איך טוה וואס יענער האט מיר געהייסן דער טייטש איך האב אים ליב. לא תעשה איז יראה. דו ציטערסט, דו גייסט אויף צוריק. פאלגסט. ס'איז יראה.

די תורה לערנט אונז אויס אז אמת'דיג יום טוב איז נישט נאר אהבה, ס'איז טאקע אהבה, ס'איז מורא'דיג, ס'איז א מצות עשה, אתה בחרתנו מכל העמים. נו, און? גיי זיך וואויל גיין, ס'איז א גרויסער טאג ס'איז א יום טוב. מאך א לעבן. - ניין. די תורה לערנט אונז אויס יום טוב באמת גייט אויכעט מיט יראה, מיט א לא תעשה. לא תעשה כל מלאכה. דאס איז באמת יום טוב.

### תורה'דיגע אהבה דארף האבן גבולות

אהבה איז דער טייטש ללא גבול. ס'נישטא ציילן וואס מ'טאר נישט, מ'מעג. אהבה רופט זיך א זאך אן גבול. און אזוי אין די גוי'שע וועלט באדייט דער ענין פון א שמחה. אן גבולות. - אין די תורה בכלל זעהט מען אז א געשמאקע זאך אדער א גוטע זאך איז נישט. תורה'דיג, נאר די גבולות דאס איז מבטא באמת דער נקודת אהבה אמיתית. ממילא דער אויבערשטער גיבט אונז א מתנה א יום טוב, א גוטער טאג אתה בחרתנו מכל העמים, די גבולות, דער לא תעשה, דאס מאכט בשלימות די נקודת יום טוב. ממילא פאסט שטארק אז יעדער זאך האט א עשה מיט א לא תעשה.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן זאלן אונז זיך באמת קענען פאר יעדן יום טוב זיך צוגרייטן ריכטיג, און מקבל זיין די אהבה ויראה פון יעדן יום טוב.

## דאווענען ווי קרבנות - 'שלימות' און 'לרצון'

ביים אנהויב פרשה ביי די עבודה פון די קרבנות טרעפן מיר אז בעלי מומים קען מען נישט מקריב זיין אויפן מזבח.

מיר טרעפן, אז דער נביא ווען ער וויל מבטא זיין וואס הייסט א בעל מום? זאגט דער לשון פון פסוק הקריבהו נא לפחתך הירצך, ברענג עס פאר דיין שַׂר, פאר דיין האַר, ער וועט זיין צופרידן מיט אזא סארט זאך, אזא מתנה וואס דו ברענגסט אים? שעמסט זיך נישט און די ברענגסט א זאך וואס האט א מום? מ'וועט עס רופן, ווען דו ברענגסט עס פאר דיין רבי'ן, פאר דיין אדמו"ר, ס'פאסט צו ברענגען אזא זאך?

### דאווענען דעם גאנצן דאווענען

וואס איז אונז נוגע למעשה. אונז ווייסן אז דער דאווענען איז במקום קרבנות. דאווענען, איז דא צוויי נקודות אין די נקודת הקרבנות וואס מ'קען אריינברענגען אין אונזער דאווענען. זייער אסאך נקודות איז דומה די תפילה לקרבנות. אבער יעצט וועט מען אנרירן נאר צוויי קליינע פינטעלעך. די ערשטע זאך איז, דאווענען דעם גאנצן דאווענען, אלע ווערטער, נישט איינשלינגען. זאל נישט זיין א בעל מום. אין דעם גשם אין די צורה פון דעם דאווענען זאל זיין האבן שלימות.

### א תפילה לרצון - מיט א געשמאק און מיט א געשמאק פאר כביכול

יעצט מיר טרעפן נאך א נקודה ביי די קרבנות, אז ס'דארף זיין לרצון. דער מושג 'לרצון' האט צוויי נקודות, ס'דא לרצון - אז דער איד וואס ברענגט עס זאל עס ברענגען מיט זיין גאנצן ווילן. ס'דא 'לרצון' אז ס'זאל נתרצה ווערן פארן אויבערשטן. דער אויבערשטער זאל האבן פון דעם תענוג ונחת, אז ער האט געמאכט דעם קרבן. און דער מענטש ווערט נתרצה צום אויבערשטן, דער אויבערשטער האט ליב דעם מענטש. וכו'.

אין תפילה, חוץ פון דער ענין פון ס'זאל נישט זיין בעלי מום, איז דא נאך א ענין אזוי ווי מיר טרעפן ביי קרבנות, א מענטש זאל דאווענען מיט א געשמאק און מיט א רצון, א רצון לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו. ער זאל וויסן אזוי ווי דער אויבערשטער וואַרט אויף דעם מענטשנ'ס קרבן ווערט עס לרצון, ווייל אין דער וואַרט 'לרצון' ליגט צוויי זאכן סיי אז ס'זאהל אנקומען צום באשעפער 'לרצון' און סיי אז דו זאהלסט דאס גיבן מיט א חשק און 'לרצון'.

ווייל ביי דער ענין פון קרבנות שטעלט זיך כביכול הקב"ה אויף א צורה פון א מקבל, כאילו ער נעמט פון אונז צדקה, איך דארף צוקומען צו אייך און ברענגט מיר דעם קרבן, וועט עס ווערן ריח ניחוח לה', אז אמרתי ונעשה רצוני. דער טייטש כביכול הקב"ה וואַרט אויף אונזער תפילה. יעצט, אז דו פארגינסט עס, דו גיבסט עס מיט א געשמאק, אז דער אויבערשטער זאל באמת האבן נחת, ווערסטו לרצון ווייל דו האסט מרצה געווען כביכול הקב"ה.

ממילא א איד חוץ וואס ער דארף זיך משתדל זיין, זאגן אלע ווערטער גאנץ. דארף ער זאגן מיט א געשמאק, מיט א 'לרצון', ווערט דא א בחינת נרצה. - אזוי ווי מ'האט שויז מאריך געווען לגבי פסח די

גאנצע סדר פון נרצה ווי נאך יעדן מצוה איז דא א נרצה, דאס איז א סוגיה לעצמו. אבער פשוט, א דאווענען דארף זיין בשלימות, און לרצון.

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאהל דאס קענען מקיים זיין.

# ל"ג בעומר / מירון - איבער די גאנצע וועלט

## *אתדבקות רוחא ברוחא - ביי השתטחות אויפן ציון און לערנען די תורות*

יעצט איידערן גרויסער לעכטיגן טאג 'ל"ג בעומר', ווען יעדע אידיש הארץ איבער די גארער וועלט שטרעבט צו קומען זיך משתטח זיין אויפן הייליגן ציון פון ר' שמעון בר יוחאי, וואלט געוועהן א פלאץ צו רעדן פאר יעדן איד אויף די וועלט זאל וויסן א יסוד וואס די הייליגע מאור עינים לערנט אונז אויס, דאס איז דארטן אנהייב מסכת שבת, רעדט ער די נקודה וואס ווערט אנגערופן השתטחות, אונז ווייסן ווען מ'פארט אויף קברי צדיקים מ'פארט זיך משתטח זיין, גייט ער אריין די נקודה אז השתטחות מיינט התדבקות רוחא ברוחא, אביסל א פנימיות'דיגע נקודה, אבער ער צונעמט דאס זייער גישמאק.

ער לייגט אראפ א יסוד אז ווען א איד לערנט תורה פון א צדיק למשל ער עפענט א 'נועם אלימלך' און ער לערנט א שטיקל 'נועם אלימלך' איז דעמאלס ווערט ער נתדבק ברוחא פון דעם צדיק, און דאס איז פונקט ווי השתטחות אויף דעם ציון, פונקט די זעלבע זאך, ווייל די תכלית פון השתטחות אויף א ציון איז התדבקות רוחא ברוחא.

ס'איז אביסל א פנימיות'דיגע נקודה, אבער איין ווארט קען מען ארויסנעמען למעשה, אז א איד קען זיצן אין די גאנצע וועלט און ער וויל זיין מקושר צו הייליגן רעבין דער רבי ר' מנדעלע רימנוב'ער, זאל ער ארויסנעמען זיין ספר און לערנען א שטיקל, און ער ווערט מדובק צו דעם צדיק, און ס'איז פונקט ווי ער איז געוועהן ביי זיין ציון.

## *'א גוט ווארט'*

אז מ'שטייט יעצט פאר ר' שמעון'ס יארצייט וועט מען לערנען א קליין שטיקל זוהר הק', איין שורה, און מ'קען דעמאלס מקיים זיין דעם השתטחות אין די גאנצע וועלט ווי מ'געפונט זיך, און א מורא'דיגע נקודה וואס די אייבישטער האט מיר געהאלפן, איך האב דעם פסח אסאך געארבעט מיט דעם, ווייל פסח איז די צייט פון דיבור, איין שורה פון זוהר הק' אויף די ענין פון דיבור. - שטייט א מורא'דיגע לשון פון זוהר הק', מ'וועט זאגן די הייליגע לשון, 'כמה דענשי להני בר נש' אזוי ווי מ'גיט א עונש פאר מענטשן, 'בגין מילי בישא' ווען א מענטש זאגט א שלעכטע ווארט, צו ער שעלט א איד, צו ער זאגט א ווארט וואס די תורה לאזט נישט וכו' וכו', 'כך - די זעלבע זאך - ענשי' וועט מען איהם געבן אן עונש מ'וועט איהם באשטראפן, 'בגין מילי טבא' וועגן א גוט ווארט, 'דקא אתי לידיה' - וואס ס'איז איהם געקומען א גוט ווארט, 'ויכול למלליה' ער האט עס געקענט זאגן 'ולא אמר ליה'. ער האט געקענט זאגן א דבר תורה, ער האט געקענט זאגן א דבר תפילה, ער האט געקענט זאגן פאר א איד א גוט ווארט, ער האט געקענט זאגן פאר א איד 'א גוט מארגן' און ער האט נישט געזאגט, וועט ער באקומען דעם זעלבן עונש, אזוי איז די לשון פון זוהר הק', פארוואס? איז די זוהר הק' ממשיך מיט איינציגע ווערטער 'בגין' ווייל 'דפגים לההוא רוחא ממללא' ער איז פוגם ער מאכט קאליע די מתנה וואס דער אייבישטער האט איהם געגעבן די כח הדיבור.

לאמיר דאס אביסל צונעמען. א מענטש ער איז צוגעוואוינט צו זאגן גוטע ווערטער פאר מענטשן, וועט איינער איהם פרעגן, קענסט נישט שווייגן? דו דארפסט אלעמאל זאגן א גוט ווארט? וועט ער זאגן איך וויל נישט זיצן אין גהינום, טאמער איך וועל נישט זאגן דעם גוט ווארט וואס איך דארף זאגן וועל איך גיין אין גהינום. אזוי זאגט די זוהר הק'. דארף מען וויסן ווי טייער סיי וואס די גמרא זאגט 'והמפייסו בי"א', אז איינער געבט צדקה באקומט ער זעקס ברכות, און אז א איד געבט א שמייכל צו א צווייטן איד באקומט ער עלעף ברכות.

דאס שטייט דא אין זוהר הק', און מ'רעדט נישט פון ברכות, מ'רעדט דא טאמער ח"ו ער וועט נישט זאגן דעם גוט ווארט וועט ער באקומען ר"ל גהינום.

## *דער גוט'ס פארן זאגער אליין*

און מיר וועלן אויסרעדן אפאר נקודות כדי דאס צו פארשטיין, די ערשטע זאך זעהט מען אן אינטערסאנטע זאך אין די תורה, יוסף הצדיק איז געווארן פארקויפט, מ'האט איהם פארקויפט פאר א קנעכט, בקיצור ביז צום סוף קומט ער אן ער ווערט א משנה למלך, ווען איז געוועהן די מינוט וואס האט זיך איבערגעדרייט זיין מצב, ער האט אנגעהויבן גיין בארג ארויף, עס שטייען צוויי גויים און ער געבט זיי א פרעג 'מדוע פניכם רעים היום'. סך הכל צוויי אראבעלעך זיצן, זאלן זיי זיצן צוקוועטשט, ניין! ער האט זיי געפרעגט א גוט ווארט און דעמאלס האט אנגעהויבן גיין בארג ארויף ביז ער איז אנגעקומען צו משנה למלך, קומט אויס, זאגן פאר א צווייטן א גוט ווארט איז משנה דער זאגער אליין.

## *נגעים טהורים - אויף די גוטע ווערטער וואס מ'האט נישט געזאגט*

און נאך גישמאקע צושטעל, איז דא א באוואוסטער 'שפת אמת' אין פרשת נגעים, א שיינע ווארט. ס'איז דא נגעים טמאים, און ס'דא נגעים טהורים, נו נגעים טמאים קומט פאר זאגן ווערטער וואס די תורה לאזט נישט, אבער וואס איז נגעים טהורים?, זאגט דער הייליגער שפת אמת, נגעים טהורים קומט אויף וואס ער האט נישט גערעדט גוטע ווערטער, ווייל ער האט געדארפט זאגן א גוט ווארט, אזוי ווי דא דער זוהר הק', האסט נישט גערעדט דעם גוטן ווארט, ס'איז נגעים טהורים, אבער ס'איז א נגע, ס'איז אויך א רמז אויף דיבור, אזוי ווי נגעים טמאים איז מרמז אז דו האסט גערעדט זאכן וואס מ'דארף נישט, נגעים טהורים איז מרמז דו האסט נישט גערעדט ווען האסט יא געדארפט רעדן. האסט נישט געזאגט א גוט ווארט פאר א חבר.

## *למעשה - גוטע ווערטער אויך אין אייגענעם שטוב און השתטחות פון די גאנצע וועלט*

הנוגע למעשה וואס אונז קומען ארויס, יעצט מ'שטייט ביי ר' שמעון'ס הילולא, ביי די גרויסע חתונה, די גרויסע שמחה, דארף מען זיך אינטערנעמען, יא! מחזק זיין אידן, מחזק זיין אידן מיינט נישט אז מ'דארף זאגן א דרשה פון צוויי שעה, א שמייכל, 'וואס מאכסטו?' 'ווי שפירסטו זיך?' 'ווי איז אריבער אויף דיר דער טאג?', 'אה, דו קוקסט אויס גוט!'.

און נאך גרעסער איז די מצוה ביי זיך אין שטוב, ביי א קרוב. צדקה איז מבואר אין ספרים הק' א מענטש וואס בטבע האט מידת החסד איז נישט אזוי שטארק די גרויסקייט, לעומת זה א מענטש וואס די מידת החסד איז ביי אים שוואכער איז די מצוה אסאך אסאך גרעסער, און מ'לערנט עס ארויס פון דער פסוק 'ועורבים צויתי לכלכליך' ביי אליהו, אז דער עורב וואס ער איז די אכזר ער האט געברענגט די פרנסה, ער האט געברענגט די עסן, איז מען דאס אסאך מער מחשיב.

די זעלבע זאך, זאגן א גוט ווארט אמאל פאר א פרעמדע אין שוהל דאס קען נאך גיין, אבער אהיים קומען אין שטוב און אלעמאל אכטונג געבן זאגן א גוט ווארט אין שטוב, פאר א קינד, פאר א ווייב, פאר א קרוב, אלעמאל זאגן גוטע ווערטער, אויף דעם דארפן מיר מער ארבעטן.

אין דער זכות פון ר' שמעון, זאל מיר זוכה זיין מ'זאל פאלגן וואס ער האט געזאגט, סיי די ערשטע זאך, אז מ'קען מען זיצן אין די גאנצע וועלט און לערנען א שטיקעלע זוהר און צוקומען צו השתטחות אזויווי מ'איז יעצט אין מירון, און ווען מ'לערנט על מנת לקיים זאל מען טאקע זוכה זיין צו מחזק זיין אידן, יעדע איד זאל זיך אונטער נעמען זאגן גוטע ווערטער פאר אידן.

# וראה בטוב - זעהן די גוט'ס

אין די טעג פאר ל"ג בעומר ווען אלע ריכטן זיך מיט א הכנה דרבה און דערהויבענע געפילן צו די גרויסע הילולא דרשב"י. וועט מען זי פראבירן לערענען כמה ענינים במשנתו פון ר' שמעון.

### *צווי בליקן אויף יעדער זאך*

ס'איז באוואוסט די גמרא מיט די מעשה פארוואס ר' שמעון בר יוחאי האט געדארפט אנטלויפן אין מערה, אז ר' שמעון וחביריו זענען געזעצן אין אינאייגעם, און ר' יהודה האט זיך אנגערופן: קוק וואספארא גוטע זאכען די רומאיים האבן געמאכט, שווקים, מרחצאות. ר' שמעון האט געזאגט אז זיי האבן עס געמאכט לכבודם וכו' וכו', און ר' יוסי האט געשוויגן, און ס'איז געוועהן דארט יהודה בן גרים און ער דאס פארציילט ביז ס'איז אנגעקומען למלכות. ר' יהודה וואס האט משבח געוועהן איז געווארן ראש המדברים, רבי יוסי וואס האט געשוויגן זאל גיין אין גלות, און ר' שמעון איז חייב מיתה געוועהן.

מ'וועט זיך אביסל מתבונן זיין וואס איז דא געוועהן, סיי דער וואס האט געזאגט וואס זיי האבן געמאכט האט געזאגט א אמת, און סיי ר' שמעון האט געזאגט א אמת, איז וואס איז די אמת? נאר די אמת גייט אזוי - מ'האט שוין גערעדט וועגן די נקודה פון דן זיין לכף זכות, א מענטש קען זעהן א מעשה, למשל ער איז געוועהן אין ביהמ"ד און ער האט געזעהן איינער ענטפערט נישט אמן, א איד ענטפערט נישט אמן ער גייט איהם מוכיח זיין, דער צווייטער וואס האט איהם געזעהן ער האט געטראכט ריכטיג, ער האט נישט געענטפערט אמן, דאס איז א אמת, אבער ער איז עפעס זייער טרוד ער האט עפעס א צרה אין שטוב, און מ'האט מברר געוועהן ער איז טאקע געוועהן טרוד אין שטוב, איז סיי דער וואס האט דן געוועהן לכף זכות, און סיי דער וואס האט דן געוועהן לפי ראות עיניו לפי המעשהביידע האבן געהאט א נקודת האמת. די זעלבע זאך ביי אונז, ער האט געזאגט אז זיי בויען מרחצאות ס'איז אמת, צו זיי מיינען זייער חשבון, אויכעט אמת, ביידע איז אמת

### *דער גהינום לאו דווקא א עונש*

מ'וועט נישט ארייגגיין אין פרטי פרטים נאר גיין צו די נקודה וואס מיר קענען זיך לערנען שטארק פון די מעשה, ר' שמעון בר יוחאי האט געזען אז מ'וויל איהם הרגענען גייט ער זיך באהאלטן, צוועלף יאר איז ער געזעצן אין מערה מיט זיין זוהן און געלערנט. ער איז ארויסגעקומען און ער האט געזעהן זאכען אין די בריאה וואס זענען נישט געפאהלן אין זיינע הייליגע אויגן און זיי זענען גלייך חרוב געווארן. ער זעהט די ניין, ער זעהט די חלק וואס איז נישט, און דאס איז אויכעט אמת, ס'איז ארויסגעקומען א בת קול און געזאגט איר זענט ארוסגעקומען חרוב מאכן מיין וועלט?! גייט'ס אריין, זענען זיי געזעצן דארט נאך צוועלף חדשים אזוי ווי די משפט רשעים בגיהנום איז צוועלף חדשים. אבער למעשה ווי קומט דא אריין די ווארט גהינום, די ערשטע צוועלף יאר האט עפעס מיט גהינום?? ניין!

למעשה די גהינום האט אויכעט צוויי צדדים, ס'איז דא א צד וואס מענטשן זענען אין גהינום, ס'איז צרות ווי א בארג מורא'דיגע יסורים, און דאס איז אמת, אבער ס'איז דא נאך א אמת, אה! ס'איז א תיקון הנפש, ס'איז א גרויסע זאך די נפש וואס גייט דורך די גהינום, וואספארא קרבת אלקים ער באקומט נאכ'ן אדורך גיין דעם גהינום!! די גהינום איז פשוט א וואש-מאשין, ס'איז נישט א מושג נאר פון א עונש אזוי ווי אונזער שפראך, די שפראך פון מענטשן גייט אז א קינד וואס האט געטוהן אן עוולה גיבט מען איהם א פאטש אז ער זאל געדענקען נאך אמאל דאס נישט צו טוהן, ער זאל האבן אביסעלע יסורים. אבער ביי כביכול הקב"ה מיינט נישט א עונש אזא סארט צורה, ס'רופט זיך תיקון, די גאנצע גהינום איז א עולם התיקון, לתקן עולם במלכות ש-ד-י, די מטרה איז נישט די גהינום די מטרה איז ווערן דערנענטערט צום אויבערשטן.

ממילא ר' שמעון בר יוחאי האט דא געלערנט משפט של גהינום אז ס'איז דא צוויי צדדים אין גהינום מ'קען זעהן נאך א בליק אין גהינום, ממילא ווען ער האט ארויסגעקומען האט ער אנגעהויבן זעהן נייע זאכן. - מ'רופט דאס אין די חסידישע ספרים די געדאנק פון שמאי והלל, אלו ואלו דברי אלקים חיים ווי דער בת קול האט געזאגט, ווייל ביידע איז אמת, נאר ס'איז דא צוויי מהלכים, א מהלך פון שמאי און א מהלך פון הלל.

ממילא קען מען פארשטיין אז נאך דעם וואס ר' שמעון איז ארויסגעקומען, אפילו וואס ר' אלעזר האט חרוב געמאכט האט ר' שמעון פאראכטן. וואס הייסט? ער האט אריין געשיינט אין די בריאה און געזעהן די גוט'ס פון די בריאה. - ס'איז דא די באוואוסטע 'חובות הלבבות' פון א חסיד וואס איז געגאנגען מיט זיין תלמיד און מ'האט אנגעזעהן א נבילה, און דער תלמיד האט געזאגט 'כמה מסרחת די נבילה', האט ער געזאגט פאר זיין תלמיד איין מינוט איין מינוט, 'שיניה יפות!' נישט אז ס'איז נישט מסרחת, אבער ס'איז דא א פלאץ צו זעהן די גוטע נקודה פון דעם.

### *רבי שמעון אין די וועגן פון זין רבי - ר' עקיבא*

און מ'קען זאגן אז ס'איז דא געוועהן די נקודה אז ר' שמעון איז געגאנגען אויף דעם וועג פון זיין רבי'ן ר' עקיבא. ס'דא אן אינטערסאנטע מעשה אין סוף מכות, ר' עקיבא איז געגאנגען מיט זיינע חברים די הייליגע תנאים, און מ'האט געזעהן ווי א שועל גייט ארויס פון קודש הקדשים האבן זיי אנגעהויבן וויינען, און ר' עקיבא האט אנגעהויבן לאכן, פרעגט די גמרא איין מינוט ביידע זענען דאך אמת סיי די וואס וויינען, אז רחמנא לצלן! שועלים הלכו בה! א פלאץ לפני ולפנים, האט ער געזאגט יא! אבער ווייסט פארוואס איך לאך? איך זעה שוין די גוט'ס אויכעט, איך זעה שוין די נקודה אז טאמער די נבואה אז ס'וועט גיין דארט שועלים איז מקוים געווארן, וועט שוין אויך מקוים ווערן די נבואה פון לעתיד לבוא אז ס'וועט זיין געבויעט, ממילא איך זעה שוין די גוט'ס פון די נבואה, די זעלבע זאך ר' שמעון נאך וואס ער איז ארויס פון די מערה איז ער געוועהן אין אזא בחינה פון זעהן די גוט'ס.

### *למעשה - זעהן די גוט'ס פון יעדן*

דאס איז א נקודה וואס אונז לערנען ארויס למעשה, אין זוהר הק' איז זייער פול צו זעהן די גוט'ס פון א איד, און למעשה פאר אונז ארויס צו נעמען זעהן די גוט'ס פון א איד, זעהן בטובו של עולם, זעהן די גוט'ס פון א צווייטן איד. - ס'איז ידוע טאקע פון די ענין פון ר' שמעון, אז ר' שמעון האט געזאגט חס ושלום שישתכח תורה מישראל דאס איז אויך ער האט געזעהן די גוט'ס אז די תורה וועט נישט נשתכח ווערן אזוי ווי ס'וועט ווערן פארברייטערט אין פאלגנדע ווערטער.

# ל"ג בעומר - א טאג פון שמחה און סעודה

ס'איז ידוע דער טאג פון ל"ג בעומר איז א גרויסע עת רצון, מיר זענען צוגעוואוינט מ'פארט צו ר' שמעון, מ'פויעלט אויס גוטע זאכן, מ'דאווענט זיך אויס, מיר וויינען זיך אויס, מ'מאכט קבלות טובות, וכו' וכו', מ'קערט א וועלט. - אבער באמת איינע פון די נקודות וואס מ'דארף זיך חזר'ן, ל"ג בעומר איז א יום שמחה, און א יום הילולא פון רשב"י, ס'איז א חתונה, ס'איז א צייט פון זיך פרייען, עד כדי כך מ'וועט באלד זעהן אז ס'איז א ענין פון עסן א סעודה.

### *הכל מודים דבעינן נמי לכם*

כדי אביסל צו אריין גיין אין די ענין פון ל"ג בעומר דארף מען וויסן אז ס'איז דא א באוואוסטער יסוד, אז שבועות הייסט יום מתן תורה פון נגלה, און ל"ג בעומר הייסט יום מתן תורה פון נסתר, שבועות האבן אונז באקומען די תורה, ל"ג בעומר איז געוועהן די טאג וואס איז געוועהן די גילוי האידרא, ס'איז דא 'אדרא רבא', 'אדרא זוטא', ס'איז געוועהן א גרויסע גילוי פון תורה אויף די וועלט, פון תורת הנסתר, און ס'איז א גרויסע טאג, און אזוי ווי שבועות ווייסט מען אז לגבי יעדן יום טוב איז א מחלוקת צו בעינן נמי לכם צו לא בעינן נמי לכם, צו א מענטש קען מאכן דעם יום טוב נאר לה' אדער נאר לכם, אבער שבועות זענען כו"ע מודה אז בעינן נמי לכם אז מ'דארף עסן א סעודה מ'דארף זיך פרייען.

די זעלבע זאך איינע פון די זאכן ל"ג בעומר איז דא די סעודה מיט די שמחה, פארוואס, ווייל מיר טרעפן אין שער הכוונות שרייבט ר' חיים ויטאל דערציילט ער א מעשה, מיין רבי דער הייליגער אר"י הקדוש איז

געגאנגען ל"ג בעומר אויף מירון, שרייבט ער דארט דער לשון: 'ענין שנהגו ישראל ללכת ל"ג בעומר על קברי רשב"י ור' אלעזר בנו אשר קבורים בעיר מירון כנודע ואוכלים ושותים ושמחים שם' - מ'עסט דארט און מען טרונקט און מען פריידט זיך, איז ר' חיים ויטאל דערמאנט נישט אז די אר"י הקדוש פלעגט גיין אין מירון צו דאווענען דארט, צו וויינען, צו אויספויעלן, די לשון איז לאכול ולשמוח שם, אוכלים ושותים ושמחים שם, וואס הייסט, ס'פראוועט זיך אן עת רצון, אן עת רצון איז נישט די מושג נאר אויספויעלן, עת רצון הייסט א צייט וואס איז נתגלה רצון פונעם אויבערשטן צו אונז, און אונזער רצון צום באשעפער, די אהבה פון אונז צום באשעפער און די באשעפער צו אונז.

און ל"ג בעומר יום הילולא פון רשב"י, איז אן עת רצון ס'ווערט נתגלה די אהבה פון אויבערשטן צו אונז, דאס איז פשוט מ'זאל וויסן דער ענין פון א סעודה, צדיקים האבן געפירט א טיש, יעדע איד ביי זיך אין שטוב, אזוי ווי ס'דא א מושג אין שלחן ערוך פון מוסיף זיין אסרו חג וכו' וכו', איז משמע אז ס'דא אן ענין פון אוכלים ושותים ושמחים.

### *ז' אדר - א פאסט-טאג, ל"ג בעומר א יו"ט - פארוואס?*

און אז מיר האבן שוין אנגערירט אז ס'איז אן ענין פון מתן תורה, ס'איז ידוע די מורא'דיגע קשיא וואס ר' צדוק פרעגט, ז' אדר שטייט ס'איז א טאג וואס מ'פאסט, ל"ג בעומר איז א טאג וואס מ'פריידט זיך, פארוואס? ער פרעגט א מורא'דיגע קשיא, אפילו מ'האט פריער געזאגט אז ל"ג בעומר איז א בחינת מתן תורה, ז' אדר איז אויך א בחינת מתן תורה, ז' אדר האט משה רבינו געשריבן דרייצן ספרי תורות און געגעבן פאר יעדע שבט, און אנהייב האט ער געשריבן איין ספר תורה און געגעבן פאר שבט לוי, האבן אלע שבטים געזאגט מ'וועט זאגן אז אונז זענען נישט?! האט ער זיך אוועק געזעצט און געשריבן נאך צוועלעף ספרי תורות, קומט אויס אז די ערשטע הכנסת ספר תורה אין גאנץ כלל ישראל, א גרויסע הכנסת ספר תורה, וואס יעדע שבט האט געהאט א ספר תורה - דרייצן הכנסת ספר תורות, פאר יעדן שבט איז געוועהן א הכנסת ספר תורה, איז געוועהן ז' אדר, א מורא'דיגע שמחה, איז דאס אויך א מתן תורה, פארוואס פאסט מען? ווי פאסט אז מ'זאל פאסטן, פארוואס איז דאס נישט א יומא דהילולא אזוי ווי ר' שמעון.

### *תורת הנגלה - גוף התורה, תורת הנסתר - נשמת התורה*

דער תירוץ איז, א מורא'דיגע גישמאקע תירוץ ווי ר' צדוק איז דאס מסביר. דאס איז אביסל א פנימיות'דיגע נקודה, אבער אפילו א קינד קען דאס פארשטיין, אזוי ווי ס'דא א מענטש איז געבויעט פון א גוף מיט א נשמה, א גוף איז א גוף, די פלייש מיט די ביינער מיט הויט, די נשמה איז רוחני, איז תורה הקדושה האט אויך א בחינה פון א גוף מיט א נשמה, די תורת הנגלה וואס משה רבינו האט אונז געגעבן דאס ווערט גערופן אין לשון פון די ספרים הק' די גוף פון די תורה, די פנימיות התורה וואס ר' שמעון האט געגעבן, דאס ווערט אנגערופן מיט א בחינה פון די נשמה פון די תורה, און אזוי ווי די גוף זעהט מען און די נשמה זעהט מען נישט, תורת הנגלה זעהט מען, ס'איז נגלה מ'זעהט דאס אזוי ווי דעם גוף, תורת הנסתר מ'זעהט דאס נישט אזוי ווי די נשמה זעהט מען נישט.

ליוט דעם פארשטייט מען זייער גישמאק, אין דעם חלק הגוף איז דא גזירת מיתה, ווייל אדם הראשון האט געזינדיגט איז אויף די גוף נגזר געווארן די מושג פון מיתה, און יעדע צער קומט פון די חלק פון מיתה, ס'רופט זאך 'זוהמת הנחש', וואס דאס איז אריין ווען אדם הראשון האט געזינדיגט, איז די פגם אין גוף איז געווארן, איז יעדע זאך וואס האט מיט צער אין גוף איז א צער, ווייל ס'איז נאכנישט מתוקן אינגאנצן. לעומת זה, דער זוהמת הנחש האט נישט פוגם געוועהן די נשמה.

איז די זעלבע זאך איז ער מסביר זייער גישמאק, אז יום פטירת משה רבינו, דער נושא האט מיט גוף, און גוף האט מיט צער, לעומת זה, ס'דא א לשון פון א זוהר הק', א באוויסטע לשון, אז 'צדיקי - א צדיק - דאיתפטר מהאי עלמא - וואס ער גייט אוועק פון די וועלט - אשתכח ביה יתיר מבחייהון' - האט ער א כח מער ווי ווען ער האט געלעבט, ווייל די נשמה שטארבט נישט, פארקערט די נשמה ווערט שטערקער, די גוף שטארבט, ווי ס'שטייט 'ואל עפר תשוב' - דער גוף גייט צוריק ווייל ער דארף מתקן זיין די זוהמת הנחש, אבער די נשמה נישט. קומט אויס אז ז' אדר איז די ענין פון גוף.

### *לאכול ולשתות ולשמוח*

וואס איז דאס נוגע למעשה לגבי אונז, וואס לערנען אונז דא אראפ וואס אונז דארפן צוקומען אין דעם ל"ג בעומר, די ערשטע זאך איז דא א ענין נעמען אין מויל עסן, א שטיקל סעודה, און די עיקר איז שמחים, ושמחים שם, סיי די שמחת התורה פון דעם גילוי התורה, און סיי שמחתו של הרשב"י, ווי גרויס די אור וואס ר' שמעון האט אראפ געברענגט אז א איד זאל וויסן, סיי לעבן אין די נקודה פון ר' שמעון בר יוחאי גלייבן אין צדיקים 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו', ס'דא א צדיק אויף די וועלט וואס ער איז מאיר אין יעדן איינעם זיין גוט'ס וואס איז דא אין איהם, ער איז מגלה די צדיק וואס איז דא אין יעדן איינעם, אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט אז א איד דארף גלייבן אז ער קען דערגרייכן צו די דרגא פון משה רבינו, דאס הייסט אז אין דיר געפינט זיך די כח פון אתפשטותא דמשה, דו דארפסט עס פשוט אויפדעקן, קענסט צוקומען צו די אלע זאכן איז טייטש אז די האסט דעם כח, ס'דא א פאנטציאל אין דיר צו צוקומען צו די מדריגה.

און דאס פראוון אונז אין יומא דהילולא דרשב"י וואס ער האט אונז געזאגט לא תשכח מפי זרעו, נישט אזוי ווי זיי האבן געזאגט בכרם ביבנה עתידה תורה שישתכח מישראל, נאר פארקערט ס'וועט נישט זיין שכחת התורה, ז' אדר איז געוועהן אן ענין פון שכחת התורה, אבער ר' שמעון בר יוחאי זאגט פארקערט, ס'וועט זיין, אזוי ווי די פנימיות התורה האט דאך נישט קיין שום ענין פון א גוף, כולו נשמה, כולו רוחני.

### *והריקותי לכם ברכה עד בלי די*

דער אויבערשטער זאהל טאקע העלפן מיר זאל טאקע זוכה זיין באמת אין דעם הייליגן טאג פון ר' שמעון זיך פרייען מיט איהם און אזוי וועט ער זיך פרייען מיט אונז, אזוי ווי צדיקים האבן געזאגט אז מ'האט געזעהן ווי ר' שמעון שטייט און בענטשט די אלע אידן וואס פרייען זיך מיט זיין שמחה, זאלן אונז טאקע אויכעט באקומען בשפע עד בלי די פון ר' שמעון, אונז וועלן לערנען זיין תורה, און מקיים זיין זיין תורה. דער אייבישטער זאל העלפן אז דער אייבישטער זאל זיך פרייען מיט אונז. אמן


טעמו וראו כי טוב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

א פרייליכע מעלדונג

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1